26 און עס זאָל בּאַצאָלט ווערן. דאַן איז דער קנעכט
אַנידערגעפאַלן און האָט זיך געבּוקט צו אים, אַזוי
צו זאָגן: האָבּ געדולד מיט מיר, און איך וועל דיר
27 אַלץ בּאַצאָלן! און דער האַר פון יענעם קנעכט האָט
זיך דערבּאַרמט אויף אים, און האָט אים געלאָזט
28 גיין, און אים מוחל געווען דעם חוב. ווען אָבּער
יענער קנעכט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געפונען
איינעם פון זיינע מיטקנעכט, וואָס איז אים שולדיק
געווען הונדערט דינרים; און ער האָט אים אָנגעכאַפּט,
און האָט אים געוואָרגן, און געזאָגט: בּאַצאָל, וואָס
29 דו בּיסט שולדיק! דאַן איז זיין מיטקנעכט אַנידערגע־
פאַלן פאַר זיינע פיס, און האָט אים געבּעטן, אַזוי
צו זאָגן: האָבּ געדולד מיט מיר, און איך וועל דיר
30 בּאַצאָלן! ער אָבּער האָט נישט געוואָלט, נאָר איז
אַוועקגעגאַנגען און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין
תפיסה, בּיז ער וועט האָבּן בּאַצאָלט, וואָס ער איז
31 שולדיק געווען. דעריבּער ווען זיינע מיטקנעכט
האָבּן געזעען, וואָס דאָ איז געשעען, האָבּן זיי זיך
שטאַרק מצער געווען, און זענען געקומען און
דערציילט זייער האַר אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט.
32 דעמלט האָט זיין האַר אים גערופן צו זיך, און זאָגט
צו אים: דו געמיינער קנעכט! יענעם גאַנצן חוב
האָבּ איך דיר פאַרגעבּן, ווייל דו האָסט מיך געבּעטן;
33 האָסטו דען נישט אויך געדאַרפט רחמנות האָבּן אויף
דיין מיטקנעכט, ווי איך האָבּ אויף דיר רחמנות
34 געהאַט? און זיין האַר איז צאָרנדיק געוואָרן, און
האָט אים איבּערגעגעבּן צו די פּייניקער, בּיז ער וועט
35 בּאַצאָלן אַלץ, וואָס ער איז אים שולדיק. פּונקט
אַזוי וועט אויך מיין הימלישער פאָטער טון צו אייך,
ווען איר וועט נישט מוחל זיין יעדער איינער דעם
בּרודער זיינעם פון אייערע הערצער.